דע שעל ידי למוד הזהר נעשה חשק לכל מיני למודים של התורה הקדושה

בעזרת השם יתברך

# זהר הקדוש

עם פירוש

# חזית איש

פרשת וישב

כד

והמשכילים יזהירו כזהר הרקיע

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש

**וויליאמסבורג**

**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש

**באראַ פארק**

**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש

**קרית יואל**

**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.662.4888**

היכל הקודש

**קרית יואל**

**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש

**בלומינגראוו**

**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש

**מאנסי**

**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש

**ירושלים**

**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש

**בני ברק**

**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

**נדפס ע"י**

**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י**

**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**

**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**

**212.444.9169**

# זֹהַר הַקָּדוֹשׁ

עם פירוש

# חָזִיתָ אִישׁ

א הערליכע לייכטע פירוש
אויפ׳ן הייליגן זהר
מיט די הקדמות פונעם הייליגן רבי׳ן
**געשריבן דורכ׳ן ראש ישיבה שליט״א**

# ◆ הַקְדָּמָה ◆

שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (מִשְׁלֵי כב, כט): "חָזִיתָ אִישׁ מָהִיר בִּמְלַאכְתּוֹ" וֶוען דוּ זֶעסְט אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז פְלִינְק אִין זַיין אַרְבֶּעט, זָאלְסְטוּ וִויסְן - "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" עֶר וֶועט צוּם סוֹף שְׁטֵיין פַאר קֶענִיגְן, זָאגְן אוּנְז דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה א, ד): "אֵלּוּ הַצַּדִּיקִים" דָאס מֵיינְט מֶען דִי צַדִּיקִים, "שֶׁהֵם עוֹסְקִין בִּמְלַאכְתּוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא" וָואס זֵיי בַּאשֶׁעפְטִיגְן זִיךְ אִין דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּרִיק נִשְׁמוֹת יִשְׂרָאֵל צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, זֵיי זָאלְן גֵיין אִין דִי וֶועגְן פוּן דִי תּוֹרָה.

דָאס גֶעפוּנֶען מִיר אָן אַ שִׁיעוּר מָאל אִינֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דִי צַדִּיקִים וָואס זֵיי לֶעבְּן מִיט דִי תּוֹרָה, זֵיי לֶעבְן מִיטְ'ן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער; זֵיי זֶענֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף: "לִפְנֵי מְלָכִים יִתְיַצָּב" זֵיי וֶועלְן זִיךְ זֶען מִיטְ'ן לֶעבֶּעדִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "בַּל יִתְיַצֵּב לִפְנֵי חֲשֻׁכִּים".

ווִיבַּאלד מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַלֶע יָארְן וִוי מוֹהֲרָ"א"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז מִשְׁתּוֹקֵק עֶס זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַ פֵּירוּשׁ אוֹיף זוֹהַר וָואס אֲפִילוּ קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְן קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, הָאבְּן מִיר בְּסִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא גֶעשְׁרִיבְּן אַ לַייכְטֶע פֵּירוּשׁ אוֹיפְ'ן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס אֲפִילוּ פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן זָאלְן דָאס קֶענֶען לֶערְנֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין, אוּן בַּאקוּמֶען אַ חֵשֶׁק צוּ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר.

בַּיי דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען, אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר אֵיידֶער מֶען אִיז פֶערְצִיג יָאר אַלְט - קֶען מֶען מְשׁוּגָע וֶוערְן, אָבֶער מוֹהֲרָ"א"שׁ פְלֶעגְט שְׁפֶּעטְן דֶערְפוּן; מוֹהֲרָ"א"שׁ הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, מֶען וֶוערְט נִישְׁט מְשׁוּגָע פוּן לֶערְנֶען זוֹהַר, מְשׁוּגָע וֶוערְט מֶען אוֹיבּ מֶען טוּט עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם, אוּן אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט זוֹהַר וֶוערְט מֶען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק".

אִיךְ הָאבּ אַ נָאמֶען גֶעגֶעבְּן דֶעם סֵפֶר: "חָזִיתָ אִישׁ". מִיר גֶעפוּנֶען כִּמְעַט פַאר יֶעדֶע שְׁטִיקְל זוֹהַר דֶעם לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' - קוּם אוּן זֶע; עֶס שְׁטֵייט פוּן צַדִּיקִים, אִין גְמָרָא אִיז דָא דֶער לָשׁוֹן 'תָּא שְׁמַע' קוּם אוּן הֶער, אָבֶער אִין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ אִיז דֶער לָשׁוֹן 'תָּא חֲזֵי' קוּם אוּן זֶע, וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר זוֹהַר עֶפְּנְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, מֶען זָאל זֶען מִיט דִי אוֹיגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין יֶעדְן זַאךְ. "חָזִיתָ" אִיז מִלָּשׁוֹן "תָּא חֲזֵי", אוּן אִינֶעם וָוארְט אִי"שׁ אִיז מְרוּמָז דִי נָאמֶען פוּן מוֹהֲרָ"א"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ וָואס הָאט זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאר מִיר, עֶר הָאט רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף מִיר, מִיךְ מְקָרֵב גֶעוֶוען צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אוּן

מִיר גֶעעֶפְנְט דִי אוֹיגְן אִיךְ זָאל שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זֶען אִין יֶעדֶע זַאךְ רוּחָנִיוּת אֱלֹקוּתוֹ יִתְבָּרַךְ.

אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִי"שׁ דִי נָאמֶען פוּן מַיין זֵיידֶע, קַארְלְסְבּוּרְגֶער רָב, רֶבִּי יְ'חֶזְקֵאל רוֹטְה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס עֶר הָאט אִין מִיר אַרַיינְגֶעלֵייגְט אַ גְלִיסְטֶענִישׁ צוּם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר. אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֶערְנֶען מִיט אִים פוּן אַלְס קִינְד בְּחַבְרוּתָא פַאר לַאנְגֶע יָארְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זִיצְן גַאנְצֶע וָואכְן אִין מְעָרַת רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי אִין מִירוֹן מִיט אִים, אוּן בַּאקוּמֶען אַ שְׁטִיקְל טַעַם, אַ שְׁטִיקְל גֶעפִיל - צוּ דִי הֵיילִיגֶע זַאכְן, אוֹיךְ אִיז מְרוּמָז אִינֶעם וָוארְט אִי"שׁ מַיין נָאמֶען.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר זָאלְן מִיר אַלֶע וֶוערְן צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט פְּשַׁט אִינֶעם שַׁעַר הַזוֹהַר: "זֶה סֵפֶר הַזוֹהַר אֲשֶׁר חִבֵּר הַתַּנָּא הָאֱלֹקִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ", הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "זֶה סֵפֶר", דֶער דִיאַמַאנְט, "הַזוֹהַר", וָואס שַׁיינְט אִין אַלֶע וֶועלְטְן, "אֲשֶׁר חִבֵּר", עֶס בַּאהֶעפְט אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער, "תַּנָּא", עֶס לֶערְנְט אוּנְז אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, דָאס הָאט מְחַבֵּר גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער "רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ".

בָּרוּךְ יְ' לְ'עוֹלָם אָ'מֵן וְ'אָמֵן.

• • •

# א תפילה
## פארן לערנען זהר

**יְהִי רָצוֹן מִלְּפָנֶיךָ ה' אֱלֹקֵינוּ וֵאלֹקֵי אֲבוֹתֵינוּ, בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר זוֹהַר, וָואס רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט גֶעזָאגְט, אַז דוּרְךְ לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר וֶועט מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן גָלוּת - זָאל אִיךְ זוֹכֶה זַיין אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן מַיין אֵייגֶענֶע גָלוּת; אִיךְ זָאל אָפְּלָאזְן אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶעבְּן מִיט דִיר, אִיךְ זָאל זוֹכֶה זַיין דִיךְ צוּ שְׁפִּירְן. אוּן בִּזְכוּת וָואס אִיךְ לֶערְן דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר - זָאל מִיר לִיכְטִיג וֶוערְן מַיינֶע אוֹיגְן, אִיךְ זָאל הָאבְּן אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אִיךְ זָאל לֶעבְּן מִיט דִיר, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן דִיר:**

פרשת וישב דף קפד ע"ב

**רַבִּי שִׁמְעוֹן פָּתַח וְאָמַר,** (תְּהִלִּים כו, ו) **אֶרְחַץ בְּנִקָּיוֹן כַּפָּי וַאֲסוֹבְבָה אֶת מִזְבַּחֲךָ יְיָ, הַאי קְרָא אוּקְמוּהָ. אֲבָל תָּא חֲזֵי רָזָא דְמִלָּה הָכָא, דְּהָא לֵית לָךְ בַּר נָשׁ בְּעָלְמָא דְּלָא טָעִים טַעֲמָא דְמוֹתָא בְּלֵילְיָא, וְרוּחַ מְסָאֲבָא שַׁרְיָא עַל הַהוּא גוּפָא, מַאי טַעֲמָא בְּגִין דְּנִשְׁמָתָא קַדִּישָׁא אִסְתַּלְּקַת מִנֵּיהּ דְּבַר נָשׁ וְנָפְקַת מִנֵּיהּ, וְעַל דְּנִשְׁמָתָא קַדִּישָׁא נָפְקַת וְאִסְתַּלְּקַת מִנֵּיהּ, שַׁרְיָא רוּחָא מְסָאֲבָא עַל הַהוּא גוּפָא וְאִסְתְּאַב.**

חָזִית אִישׁ

**רַבִּי שִׁמְעוֹן פָּתַח וְאָמַר** רֶבִּי שִׁמְעוֹן הָאט גֶעעֶפְנְט אוּן גֶעזָאגְט, מִיר גֶעפִינֶען אַלְץ אִין זוֹהַר דֶעם לָשׁוֹן 'פָּתַח וְאָמַר', וַוייל דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט דִי סוֹדוֹת הַתּוֹרָה - הָאבְּן זֵיי גֶעעֶפְנְט דִי הִימְלֶען, אוּן עֶס אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען אַ הֵיילִיגְקֵייט אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים כו, ו): **'אֶרְחַץ בְּנִקָּיוֹן כַּפָּי'** אִיךְ וַואשׁ מִיט רֵיינְקֵייט מַיינֶע הֶענְט, **'וַאֲסוֹבְבָה אֶת מִזְבַּחֲךָ יְיָ'** אוּן אִיךְ רִינְגְל אַרוּם דַיין מִזְבֵּחַ, **הַאי קְרָא אוּקְמוּהָ** דִי פָּסוּק הָאט מֶען שׁוֹין גֶע'דַרְשְׁ'נְט אַז דָאס מֵיינְט מֶען רֵיינֶע הֶענְט פוּן גֶּזֶל; קוֹיפְן אַ לוּלָב מִיט רֵיינֶע גֶעלְט, אוּן מִיט דֶעם אַרוּם גֵיין דִי מִזְבֵּחַ, **אֲבָל** אָבֶער לָאמִיר זֶען נָאךְ אַ פְּשַׁט, **תָּא חֲזֵי** קוּם אוּן זֶע, אִין זוֹהַר הָאבְּן מִיר אַלְץ דִי לָשׁוֹן תָּא חֲזֵי - קוּם אוּן זֶע, אַנְדֶערְשׁ ווִי אִין דִי גְמָרָא וָואס דֶער לָשׁוֹן אִיז תָּא שְׁמַע - קוּם אוּן הֶער, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע זוֹהַר עֶפְנְט דִי אוֹיגֶן, עֶס וֶוערְט אַזוֹי לִיכְטִיג, מֶען הוֹיבְּט אָן זֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, **רָזָא דְמִלָּה הָכָא** דָא לִיגְט אַ סוֹד, **דְּהָא לֵית לָךְ בַּר נָשׁ בְּעָלְמָא** נִישְׁטָא אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף דִי וֶועלְט, **דְּלָא טָעִים טַעֲמָא דְמוֹתָא בְּלֵילְיָא** וָואס שְׁפִּירְט נִישְׁט אַ טַעַם פוּן שְׁטַארְבְּן בַּיינַאכְט, **וְרוּחַ מְסָאֲבָא שַׁרְיָא עַל הַהוּא גוּפָא** בַּיינַאכְט בַּיים שְׁלָאפְן רוּט אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַ רוּחַ טוּמְאָה, **מַאי טַעֲמָא** פַארְוָואס רוּט בַּיינַאכְט בַּיים שְׁלָאפְן אַ רוּחַ טוּמְאָה? **בְּגִין** פוּן וֶועגְן, **דְּנִשְׁמָתָא קַדִּישָׁא** דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, **אִסְתַּלְּקַת מִנֵּיהּ דְּבַר נָשׁ** טוּט זִיךְ אָפּ, **וְנָפְקַת מִנֵּיהּ** אוּן גֵייט אַוֶועק פוּן אִים, **וְעַל דְּנִשְׁמָתָא קַדִּישָׁא נָפְקַת וְאִסְתַּלְּקַת מִנֵּיהּ** אוּן אַז דִי הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה גֵייט אַוֶועק פוּן אִים, **שַׁרְיָא רוּחָא מְסָאֲבָא** רוּט אַ רוּחַ פוּן טוּמְאָה, **עַל הַהוּא גוּפָא** אוֹיפְן קֶערְפֶּער, **וְאִסְתְּאַב** אוּן מֶען וֶוערְט טָמֵא.

**וְכַד נִשְׁמָתָא אִתְהַדְּרַת לְגוּפָא, אִתְעֲבַר הַהוּא זוּהֲמָא, וְהָא אִתְמַר דִּידוֹי דְּבַר נָשׁ זוּהֲמָא דְמִסָּאֲבוּ אִשְׁתְּאַר בְּהוּ. וְעַל דָּא לָא יַעֲבָר יְדוֹי עַל עֵינוֹי, בְּגִין דְּהַהוּא רוּחַ מְסָאֲבָא שַׁרְיָא עֲלוֹי, עַד דְּנָטִיל לוֹן, וְכַד נָטִיל יְדוֹי כִּדְקָא חָזֵי, כְּדֵין אִתְקַדַּשׁ וְאִקְרֵי קָדוֹשׁ.**

**וְהֵיךְ בָּעֵי לְאִתְקַדְּשָׁא, בָּעֵי חַד כְּלִי לְתַתָּא, וְחַד כְּלִי מִלְּעֵילָּא, בְּגִין דְּיִתְקַדַּשׁ מֵהַהוּא דִּלְעֵילָּא. וְהַהוּא דִּלְתַתָּא דְּיָתִיב בְּזוּהֲמָא דְּמִסָּאֲבוּ בֵּיהּ, וְדָא כְּלִי לְקַבְּלָא מְסָאֲבוּ, וְדָא**

חָזִית אִ"שׁ

וְכַד נִשְׁמָתָא אִתְהַדְּרַת לְגוּפָא און ווען די נְשָׁמָה קֶערְט זיך צוריק אִינְדֶערְפְרִי, אִתְעֲבַר הַהוּא זוּהֲמָא גייט אַוֶועק די טוּמְאָה, וְהָא אִתְמַר און מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעלֶערְנְט, דִּידוֹי דְּבַר נָשׁ זוּהֲמָא אַז די הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ וֶוערְט טָמֵא, דְמִסָּאֲבוּ אִשְׁתְּאַר בְּהוּ וַוייל די טוּמְאָה בְּלַייבְּט אוֹיף אִיר, וְעַל דָּא און דֶערְפַאר, לָא יַעֲבָר יְדוֹי עַל עֵינוֹי טָאר מֶען נִישְׁט אָנְרִירְן די אוֹיגְן, בְּגִין דְּהַהוּא רוּחַ מְסָאֲבָא שַׁרְיָא עֲלוֹי וַוייל עֶס אִיז דָא אוֹיף די הֶענְט אַ רוּחַ פוּן טוּמְאָה, עַד דְּנָטִיל לוֹן בִּיז מֶען וואשְׁט זיך נְטִילַת יָדַיִם, וְכַד נָטִיל יְדוֹי כִּדְקָא חָזֵי און נָאכְן זיך וַואשְׁן די הֶענְט אַזוֹי ווִי מֶען דַארְף, כְּדֵין אִתְקַדַּשׁ וֶוערְט די הֶענְט הֵיילִיג, וְאִקְרֵי קָדוֹשׁ און דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן הֵיילִיג.

וְהֵיךְ בָּעֵי לְאִתְקַדְּשָׁא און ווִי אַזוֹי הֵיילִיגְט מֶען זיך מִיט אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער? בָּעֵי מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן צְוֵויי כֵּלִים, חַד כְּלִי לְתַתָּא אֵיינְס פוּן אוּנְטְן, וְחַד כְּלִי מִלְּעֵילָּא און אֵיין כֵּלִי פוּן אוֹיבְן, בְּגִין פוּן וֶועגְן, דְּיִתְקַדַּשׁ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זיך הֵיילִיגְן, מֵהַהוּא דִּלְעֵילָּא פוּן די אוֹיבֶּערְשְׁטֶע כֵּלִי פוּן וואו מֶען גִיסְט די וַואסֶער, וְהַהוּא דִּלְתַתָּא און דוּרְךְ די אוּנְטֶערְשְׁטֶע כֵּלִי דְּיָתִיב בְּזוּהֲמָא דְּמִסָּאֲבוּ בֵּיהּ וואו די טָמֵא'נֶע וַואסֶער זָאל אַרָאפְּרִינֶען; וְדָא כְּלִי לְקַבְּלָא מְסָאֲבוּ די אוּנְטֶערְשְׁטֶע שִׁיסְל נֶעמְט אַרַיין די טָמֵא'נֶע וַואסֶער, וְדָא לְאִתְקַדְּשָׁא מִנֵּיהּ און די אוֹיבֶּערְשְׁטֶע טֶעפְּל הָאלְט די הֵיילִיגֶע וַואסֶער זיך צוּ הֵיילִיגְן, דָּא בָּרוּךְ דָאס אִיז גֶעבֶּענְטְשְׁט - די רֵיינֶע וַואסֶער, וְדָא אָרוּר און דָאס אִיז פַארְשָׁאלְטְן - די טָמֵא'נֶע וַואסֶער.

**לְאִתְקַדְּשָׁא מִנֵּיהּ, דָא בָּרוּךְ וְדָא אָרוּר, וְלָא בָּעְיָין אִינוּן מַיִין דְּזוּהֲמָא לְאוֹשְׁדָא לוֹן בְּבֵיתָא, דְּלָא יִקְרַב בְּהוּ בַּר נָשׁ, דְּהָא בְּהוּ מִתְכַּנְּשֵׁי סִטְרָא דִּלְהוֹן, יָכִיל לְקַבְּלָא נִזְקָא מֵאִינוּן מַיִין מְסָאֲבִין, וְעַד דְּיִתְעֲבַר זוּהֲמָא מִן יְדוֹי לָא יְבָרֵךְ וְאוּקִימְנָא, וּבְגִין כָּךְ בַּר נָשׁ עַד לָא יְקַדֵּשׁ יְדוֹי בְּצַפְרָא אִקְרֵי טָמֵא, כֵּיוָן דְּאִתְקַדַּשׁ אִקְרֵי טָהוֹר, וּבְגִין כָּךְ לָא יִטּוֹל אֶלָּא מִן יְדָא דְּאִדְכֵּי**

חָזִית אִישׁ

דֶערְפַאר הָאבְּן דִי צַדִיקִים זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אָנְצוּגְרֵייטְן אַ כֵּלִי מִיט וַואסֶער נֶעבְּן דִי בֶּעט אֵיידֶער מֶען הָאט זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, אַז תֵּיכֶף וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערפְרִי זָאל מֶען זִיךְ קֶענֶען הֵיילִיגְן דוּרְךְ זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער.

**וְלָא בָּעְיָין אִינוּן מַיִין דְּזוּהֲמָא לְאוֹשְׁדָא לוֹן בְּבֵיתָא** אוּן מֶען דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן נִישְׁט אוֹיסְצוּגִיסְן דִי טָמֵא'נֶע וַואסֶער אִין שְׁטוּב, **דְּלָא יִקְרַב בְּהוּ בַּר נָשׁ** אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן נִישְׁט גֵיין נָאנְט צוּ דֶעם, **דְּהָא בְּהוּ מִתְכַּנְּשֵׁי סִטְרָא דִּלְהוֹן** ווייל אִין דִי טָמֵא'נֶע וַואסֶער נֶעמֶען זִיךְ צוּזַאמֶען דִי רוּחַ פוּן דִי מַזִיקִים, **יָכִיל לְקַבְּלָא נִזְקָא מֵאִינוּן מַיִין מְסָאֲבִין** אוּן מֶען קֶען גֶעשֶׁעדִיגְט וֶוערְן פוּן אָנְרִירְן דִי טָמֵא'נֶע **וַואסֶער.** מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סִידוּר עֵת רָצוֹן סֵדֶר נְטִילַת יָדַיִם שַׁחֲרִית, אוֹת א'): 'קַבָּלָה מִצַּדִּיקִים עֶלְיוֹנִים' עֶס אִיז אָנְגֶענוּמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, 'שֶׁכָּל אָדָם בְּעַצְמוֹ יוֹצִיא אֶת הַמַּיִם הַטְּמֵאִים' אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל אַרוֹיסְטְרָאגְן דִי טָמֵא'נֶע נֶעגְל וַואסֶער, 'וְיִשְׁפֹּךְ אוֹתָם בְּמָקוֹם שֶׁאֵין עוֹבְרִים וְשָׁבִים שָׁם', אוּן דָאס אַוֶועק גִיסְן אִין אַ פְּלַאץ וואוּ מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן נִישְׁט דָארְט אַרִיבֶּער, 'וְזֶה מְסוּגָּל לְיִרְאַת שָׁמַיִם' אוּן דָאס אִיז אַ סְגוּלָה זוֹכֶה זַיין צוּ יִרְאַת שָׁמַיִם, עַיֵּין שָׁם.

דֶער זוֹהַר זָאגְט וַוייטֶער, **וְעַד דְּיִתְעֲבַר זוּהֲמָא מִן יְדוֹי** אוּן ווילַאנְג מֶען הָאט נִישְׁט אַרָאפְּגֶענוּמֶען דִי טוּמְאָה פוּן דִי הֶענְט, **לָא יְבָרֵךְ** זָאל עֶר נִישְׁט מַאכְן קֵיין בְּרָכוֹת, **וְאוּקִימְנָא** אַזוֹי ווִי מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעלֶערְנְט.

**וּבְגִין כָּךְ** אוּן דֶערְפַאר, **בַּר נָשׁ עַד לָא יְקַדֵּשׁ יְדוֹי בְּצַפְרָא** בִּיז מֶען וַואשְׁט זִיךְ נִישְׁט דִי הֶענְט אִינְדֶערפְרִי - **אִקְרֵי טָמֵא** אִיז מֶען טָמֵא, **כֵּיוָן דְּאִתְקַדַּשׁ** אוּן אַז מֶען וַואשְׁט זִיךְ אָפּ דִי הֶענְט - **אִקְרֵי טָהוֹר** וֶוערט מֶען רֵיין, **וּבְגִין כָּךְ** אוּן דֶערִיבֶּער, **לָא יִטּוֹל** זָאל מֶען זִיךְ נִישְׁט וַואשְׁן דִי הֶענְט, **אֶלָּא מִן יְדָא דְּאִדְכֵּי**

**בְּקַדְמִיתָא, דִּכְתִיב (בַּמִּדְבָּר יט, יט) וְהִזָּה הַטָּהוֹר עַל הַטָּמֵא, דָּא אִקְרֵי טָהוֹר וְדָא אִקְרֵי טָמֵא.**

**בְּגִין כָּךְ חַד כְּלִי לְעֵילָא וְחַד כְּלִי לְתַתָּא, דָּא קַדִּישָׁא וְדָא מְסָאֲבָא, וּמֵאִינוּן מַיִין אָסִיר לְמֶעְבַּד בְּהוּ מִידִי, אֶלָּא בָּעֵי לְאוֹשְׁדָא לוֹן בַּאֲתַר דִּבְנֵי נָשָׁא לָא עָבְרִין עֲלַיְיהוּ, וְלָא יָבִית לוֹן בְּבֵיתָא, דְּהָא כֵּיוָן דְּאִתּוֹשְׁדָן בְּאַרְעָא רוּחָא מְסָאֲבָא אִשְׁתַּכַּח תַּמָּן וְיָכִיל לְנַזְקָא, וְאִי חָפַר לוֹן מִדְרוֹן תְּחוֹת אַרְעָא דְּלָא יִתְחֲזוּן שַׁפִּיר.**

חָזִית אִישׁ

**בְּקַדְמִיתָא** נָאר פוּן אֵיינֶעם וָואס הָאט זִיךְ שׁוֹין אַלֵיינְס גֶעוַואשְׁן דִי הֶענְט, **דִּכְתִיב** אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק, בַּיי דִי פַּרְשָׁה פוּן פָּרָה אֲדוּמָּה (בַּמִּדְבָּר יט, יט): **'וְהִזָּה הַטָּהוֹר עַל הַטָּמֵא'** אוּן דֶער רֵיינֶער מֶענְטְשׁ זָאל שְׁפְּרִיצְן אוֹיפְן טָמֵא'נֶעם מֶענְטְשׁ, אַזוֹי אוֹיךְ בַּיי נֶעגְל וַואסֶער, **דָּא אִקְרֵי טָהוֹר** דֶער וָואס הָאט שׁוֹין אָפְּגֶעגָאסְן זַיינֶע הֶענְט אִיז טָהוֹר, **וְדָא** אוּן דֶער וָואס הָאט נָאכְנִישְׁט אָפְּגֶעגָאסְן זַיינֶע הֶענְט - **אִקְרֵי טָמֵא** אִיז טָמֵא.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט (סִידּוּר עֵת רָצוֹן סֵדֶר נְטִילַת יָדַיִם שַׁחֲרִית, אוֹת א'): 'וְקַבָּלָה מֵהָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי זוּשָׁא מֵהַאנִיפּוֹלִי' עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, 'שֶׁקִּבֵּל מֵרַבּוֹ הַמַּגִּיד הַקָּדוֹשׁ' וָואס הָאט דָאס מְקַבֵּל גֶעוֶועֶן פוּן זַיין רֶבִּי דֶער הֵיילִיגֶער מֶעזְרִיטְשֶׁער מַגִּיד זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, 'שֶׁקִּבֵּל מֵרַבּוֹ הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ' וָואס הָאט דָאס מְקַבֵּל גֶעוֶועֶן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב, 'שֶׁאָסוּר לְהוֹרִיד אֶת רַגְלָיו מֵהַמִּטָּה בְּלִי נְטִילָה' אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרָאפְּטְרֶעטְן פוּן בֶּעט אָן אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, 'וְאִם עוֹמֵד עַל רַגְלָיו לִפְנֵי נְטִילָה' אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁטֶעלְט זִיךְ אוֹיף אָן אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, 'עָלָיו אָמַר הַכָּתוּב' אוֹיף אִים זָאגְט דֶער פָּסוּק (תְּהִלִּים לו, ה): "'יִתְיַצֵּב עַל דֶּרֶךְ לֹא טוֹב, רַע לֹא יִמְאָס', וּבְכָל הַיּוֹם הָרָע יִרְדֹּף אוֹתוֹ רַחֲמָנָא לִצְלָן', עַיֵּין שָׁם.

**בְּגִין כָּךְ** דֶעריבֶּער דַארְף מֶען הָאבְּן - **חַד כְּלִי לְעֵילָא** אֵיין כֵּלִי פוּן אוֹיבְן, **וְחַד כְּלִי לְתַתָּא** אוּן אֵיין כֵּלִי פוּן אוּנְטְן, **דָּא קַדִּישָׁא** דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע אִיז הֵיילִיג **וְדָא מְסָאֲבָא** אוּן דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע אִיז טָמֵא, **וּמֵאִינוּן מַיִין אָסִיר לְמֶעְבַּד בְּהוּ מִידִי** אוּן מִיט דִי וַואסֶער מִיט וָואס מֶען הָאט זִיךְ אָפְּגֶעגָאסְן - טָאר מֶען גָארְנִישְׁט טוּן, **אֶלָּא בָּעֵי לְאוֹשְׁדָא לוֹן בַּאֲתַר דִּבְנֵי נָשָׁא לָא עָבְרִין עֲלַיְיהוּ** נָאר מֶען דַארְף דָאס אוֹיסְגִיסְן אִין אַ פְּלַאץ וואו קֵיינֶער גֵייט נִישְׁט דָארְט, **וְלָא יָבִית לוֹן בְּבֵיתָא**

**וְלָא יָהִיב לוֹן לִנְשֵׁי חֲרָשַׁיָּא, דְּיָכְלוּן לְאַבְאָשָׁא בְּהוּ לִבְנֵי נָשָׁא, בְּגִין דְּאִינּוּן מַיִין דְּאִתְלַטְיָין, וְקֻדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא בָּעֵי לְדַכָּאָה לוֹן לְיִשְׂרָאֵל וּלְמֶהֱוֵי קַדִּישִׁין, דִּכְתִיב, (יְחֶזְקֵאל לו, כה) וְזָרַקְתִּי עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים וּטְהַרְתֶּם מִכֹּל טֻמְאוֹתֵיכֶם וּמִכָּל גִּלּוּלֵיכֶם אֲטַהֵר אֶתְכֶם:**

חָזִית אִישׁ

אויף זָאל מֶען דָאס נִישְׁט לָאזְן אִיבֶּערְנֶעכְטִיגְן אִין שְׁטוּב, דְּהָא כֵּיוָן דְּאִתּוֹשְׁדָן בְּאַרְעָא וַוייל אוֹיב עֶס וֶועט זִיךְ אוֹיסְגִיסְן, רוּחָא מְסָאֳבָא אִשְׁתַּכַּח תַּמָּן וְיָכִיל לְנַזְקָא וֶועט דִי רוּחַ פוּן טוּמְאָה וָואס אִיז דָא אִין דִי טָמֵא׳נֶע וַואסֶער - שֶׁעדִיגְן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען דָארְט, וְאִי חָפַר לוֹן מְדוֹרוֹן אוּן אוֹיבּ עֶר קֶען אוֹיפְגְרָאבְּן אַ שִׁיפֶּע פְּלַאץ, תְּחוֹת אַרְעָא אוּנְטֶער דִי עֶרְד, דְּלָא יִתְחֲזוּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט זֶען דִי וַואסֶער - שַׁפִּיר אִיז גוּט, וְלָא יָהִיב לוֹן לִנְשֵׁי חֲרָשַׁיָּא אוּן עֶר זָאל נִישְׁט גֶעבְּן דִי טָמֵא׳נֶע וַואסֶער פַאר פְרוֹיעֶן וָואס מַאכְן כִּישׁוּף, דְּיָכְלוּן לְאַבְאָשָׁא בְּהוּ לִבְנֵי נָשָׁא וַוייל מִיט דִי טָמֵא׳נֶע וַואסֶער קֶען מֶען שֶׁעדִיגְן מֶענְטְשְׁן, בְּגִין דְּאִינּוּן מַיִין דְּאִתְלַטְיָין וַוייל דִי וַואסֶער זֶענֶען פַארְשָׁאלְטֶענֶע וַואסֶער, וְקוּדְשָׁא בְּרִיךְ הוּא אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בָּעֵי לְדַכָּאָה לוֹן לְיִשְׂרָאֵל ווִיל רֵיינִיגְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער וּלְמֶהֱוֵי קַדִּישִׁין אַז אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן זַיין הֵיילִיג. דִּכְתִיב אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (יְחֶזְקֵאל לו, כה): ׳וְזָרַקְתִּי עֲלֵיכֶם מַיִם טְהוֹרִים׳ אוּן אִיךְ וֶועל שְׁפְּרִיצְן אוֹיף עֶנְק רֵיינֶע וַואסֶער, ׳וּטְהַרְתֶּם׳ אוּן אִיר וֶועט וֶוערְן רֵיין, ׳מִכֹּל טֻמְאוֹתֵיכֶם׳ פוּן אַלֶע אֵייעֶרֶע טֻמְאוֹת, ׳וּמִכָּל גִּלּוּלֵיכֶם׳ אוּן פוּן אַלֶע אֵייעֶרֶע אָפְּגֶעטֶער - אֲטַהֵר אֶתְכֶם וֶועל אִיךְ עֶנְק רֵיינִיגְן, אוּן דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק ׳אֶרְחַץ בְּנִקָּיוֹן כַּפָּי׳ אִיךְ וַואשׁ מִיט רֵיינְקֵייט מַיינֶע הֶענְט, ׳וַאֲסֹבְבָה אֶת מִזְבַּחֲךָ יְיָ׳, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶעם, אַז מֶען זָאל זִיךְ גְלַייךְ וַואשְׁן אִינְדֶערְפְרִי דִי הֶענְט, אַזוֹי וֶוערְט מֶען הֵיילִיג אַזוֹי ווִי דִי מִזְבֵּחַ.

◆ ◆ ◆

אִין דֶעם שְׁטִיקְל זוֹהַר זֶעעֶן מִיר אַ גְרוֹיסֶער סוֹד, אַז מֶען טָאר נִישְׁט אַרָאפְּגֵיין פוּן בֶּעט אִינְדֶערְפְרִי אָן זִיךְ אָפְּגִיסְן נֶעגְל וַואסֶער, וַוייל עֶס רוּט אַ רוּחַ הַטוּמְאָה אוֹיף דִי הֶענְט בַּיים אוֹיפְשְׁטֵיין, אוּן אוֹיךְ זֶעעֶן מִיר אַז דֶער וָואס וַואשְׁט זִיךְ נֶעגְל וַואסֶער וֶוערְט הֵיילִיג, אוּן וֶוערְט אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע מִזְבֵּחַ וָואס מֶען אִיז מַקְרִיב דִי הֵיילִיגֶע קָרְבָּנוֹת.